# פרשת קרח כ"ז סיון - ב' תמוז תשע"ט לפ"ק

***יום ראשון פרשת קרח***

**רבינו שליט"א** ירד לפני התיבה לתפלת שחרית לרגל יומא דהילולא של זקינו **הגה"ק מסערדאהעלי זצוק"ל.** אחר התפלה התקיימה מסיבת לחיים לכבוד ההילולא.

*

***יום שני פרשת קרח***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **שלמה ברוך פרענקל** הי"ו.

*

***ערב שבת פרשת קרח***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **שלמה האפמאנן** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברים:***

**עס** שטייט די וואך אין סוף פון די פרשה, די מצוה פון תרומה און מעשרות, און תרומת מעשר וואס די לויים האבן געגעבן. מכל מתנותיכם תרימו את כל תרומת ה', פון אלע ענקערע מתנות זאלט איר אפשיידען א תרומה פארן אייבערשטען, מכל חלבו, פון די בעסטע וואס איז דא, את מקדשו ממנו, זאל מען עס מקדיש זיין, און אוועקגעבן פאר די תרומות און מעשרות. ואמרת אליהם, און דו זאלסט זיי זאגען, בהרימכם את חלבו ממנו, ווען עטץ וועטס אפשיידען די בעסטע וואס עטץ האטס, ונחשב ללוים, וועט עס ווערן גערעכנט פאר די לוים, כתבואת גורן וכתבואת יקב (במדבר יח-כט), אזוי ווי די תבואת גורן און די תבואת יקב. רש"י טייטשט, אז עס וועט ווערן א היתר פאר די לוים, אזוי ווי חולין גמורים.

**אין רמב"ם** (הל' איסורי מזבח ז-יא) איז גע'פסק'נט אז די פסוק מכל חלבו את מקדשו ממנו, איז א מצוה. יעדע זאך וואס א יוד גיט אוועק פארן אייבערשטען, דארף ער אוועקגעבן די בעסטע וואס ער האט. ווען עס קומט א עני, און דו דארפסט אים געבן צו עסן, געב אים די בעסטע מאכל וואס איז דא ביי דיר אין שטוב. ווען מען דארף אים אוועקגעבן א קלייד, געב אים אוועק דיין בעסטע קלייד וואס דו האסט. דו דארפסט עפעס מקדיש זיין פארן אייבערשטען, זיי מקדיש די בעסטע וואס דו האסט. דער **רמב"ם** גיט צו נאך א משל, אז מען בויט א בית המדרש, בוי עס בעסער פון דיין שטוב. מכל חלבו, דאס בעסטע דארפסטו אוועקגעבן פארן אייבערשטען. - דאס זעלבע איז ביי תרומות און מעשרות. א מענטש האט געהאט פארשידענע סארט תבואות, אין תבואה איז דא בעסער'ס מיט שוואכער'ס וכדומה. ביי תרומות און מעשרות איז דא א מצוה, אז עס זאל זיין מכל חלבו. מען איז יוצא אפילו מען גיט אוועק א פשוטע חטה פאר תרומה, אבער עס איז דא א מצוה, אז מען זאל געבן דאס בעסטע וואס מען האט.

**אין חיד"א** (**בפתח עינים** ברכות כח.) שטייט, אז כאטש שכר מצוה בהאי עלמא ליכא (קידושין לט:), עס איז נישט דא קיין שכר מצוה אויף די וועלט, פאר יעדע מצוה באצאלט מען די שכר אויף יענע וועלט. אבער פאר א הידור מצוה, באצאלט מען שכר אויך אויף די וועלט. ער טוט דאך מער ווי מען דארף, ער האט דאך יוצא געווען די מצוה אפילו אן דעם הידור, און ער טוט עס מיט א הידור, איז אויף הידור מצוה איז דא שכר מצוה אויף די וועלט אויך. און עס האט א מקור אין די גמרא (בבא קמא ט:), די גמרא זאגט, עד שליש משלו, דאס איבריגע איז משל הקב"ה. וואס מען גיט מער, באצאלט דער אייבערשטער צוריק אויף די וועלט. ווען א יוד איז מפריש תרומות און מעשרות, און ער איז נישט מדקדק צו געבן דאס בעסטע וואס ער האט, וועט ער האבן שכר נאר אויף יענע וועלט, ער וועט נישט עסן דערפון אויף די וועלט. טאמער גיט ער אבער אוועק די בעסטע וואס ער האט, איז עס א אינוועסטמענ"ט אויף די וועלט אויך. איך האב אוועקגעגעבן פארן אייבערשטען אזוי און אזוי, דער באשעפער באצאלט אים, אז אויף די וועלט וועט ער צוריקבאקומען דאס וואס ער האט אוועקגעגעבן פארן אייבערשטען.

**ואמרת** אליהם, די זאלסט זאגען פאר יודען, מען קען געבן תרומה אן חלבו, אבער בהרימכם את חלבו ממנו, אויב עטץ וועטס געבן די בעסטע וואס עטץ האטס, טוט עטץ דאך א הידור מצוה, איז ונחשב ללוים, וועט עס ווערן גערעכנט פאר די לוים וואס געבן אוועק זייער תרומות און מעשרות, ווי זיי וואלטן באקומען תבואת גורן ותבואת יקב. אזוי ווי

די תבואת גורן ליגט דאך אינעם גורן, די תבואת יקב האט ער אויף די וועלט. טאמער עס וועט זיין בהרימכם את חלבו ממנו, אז מען וועט אוועקגעבן דאס בעסטע וואס מען האט, וועט דער אייבערשטער באצאלען, אז דו וועסט עס צוריקבאקומען, אזוי ווי די תבואת גורן און תבואת יקב וואס דו האסט אויף די וועלט, וועט דיר דער אייבערשטער צוריקבאצאלען דעם חלבו דערפון.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (בפרשתנו צה. ד"ה מכל) זאגט, מכל מתנותיכם תרימו את כל תרומות ה', מכל חלבו את מקדשו ממנו. פון יעדע מצוה וואס א יוד איז מקיים, באקומט ער א קדושה. אשר קדשנו במצותיו, יעדע מצוה ברענגט א קדושה אויף א מענטש. זאגט ער, ווען א מענטש גיט אוועק די בעסטע פארן אייבערשטען, באקומט ער גאר א דערהויבענעם קדושה. וויבאלד ער האט אוועקגעגעבן די בעסטע וואס ער האט פארן אייבערשטען, איז אויך די קדושה דערפון אויף א העכערע מדריגה ווי סתם א מצוה וואס מען איז מקיים. זאגט ער, מכל מתנותיכם תרימו את כל תרומות ה' מכל חלבו, אז מען וועט מפריש זיין די תרומות ה' מכל חלבו, פון די בעסטע, את מקדשו, דיין קדושה וואס דו וועסט האבן, ממנו, איז פון דעם. פון דעם וואס מען גיט אוועק חלבו, באקומט דער מענטש די גרעסטע קדושה.

**קומט** אויס, ווען א יוד גיט אוועק פארן אייבערשטען א קרבן וואס ער ברענגט פארן באשעפער, און ער ברענגט נישט א פשוטע בהמה, ער ברענגט א פעטע בהמה, ער ברענגט א בהמה וואס איז מער חשוב, האט ער צוויי מעלות דערפון. איינס א גשמיות'דיגע מעלה, אז דער אייבערשטער באצאלט אים שכר מצוה אויף די וועלט, ווייל ער האט געטון א הידור אין די מצוה. און נאכדעם, את מקדשו ממנו, עס ברענגט א גרעסערע קדושה אויך אויף דעם וואס האט עס געטון. די הלכה איז אויך אזוי (מנחות סד.), אז מען האט מקריב געווען א חטאת כחושה, און שפעטער וויל ער ברענגען א חטאת שמינה, לייגט מען איז די זייט די חטאת כחושה, און ער קען ברענגען א חטאת שמינה, כאטש ער האט שוין געהאט געברענגט די חטאת. מען מעג אפילו מחלל שבת זיין, צו ברענגען די חטאת שמינה (שם, ועיין עוד בזה **בנחל הברית** סימן כ'), אזוי ווייט איז חשוב ווען א יוד טוט א זאך פארן אייבערשטען. און דאס ליגט דא אינעם פסוק, את כל חלבו, אז מען גיט אוועק חלבו, את מקדשו, דיין מקדש וואס דו האסט, איז ממנו, פון דעם חלבו וואס דו האסט אוועקגעגעבן. און ואמרת אליהם בהרימכם את חלבו ממנו, ווען מען גיט אוועק חלבו, ונחשב ללוים, וועט עס ווערן גערעכנט, כתבואת גורן וכתבואת יקב, מען באצאלט אויף די וועלט אויך.

**אז** מען איז מכניס א קינד בבריתו של אברהם אבינו, ברענגט מען א קרבן פארן אייבערשטען. אזוי שטייט אין **זוהר הק'** (ח"ג מד.) אז מל'ן א קינד, איז א בחינה פון א קרבן. דער סנדק איז דער מזבח, און דאס קינד איז מען מקטיר אזוי ווי מען איז מקטיר קטורת. וועגן דעם שטייט אין **שלחן ערוך** (יו"ד רסה-יא) אז סנדקאות ברענגט עשירות, און מען זאל נישט מכבד זיין דעם זעלבן מענטש צוויי מאל מיט סנדקאות, ווייל ביי די קטורת האט מען נישט מכבד געווען דעם זעלבן כהן צוויי מאל. מכניס זיין א קינד בבריתו של אברהם אבינו, איז א קרבן. און עס איז את חלבו, די חשוב'סטע זאך וואס א מענטש פארמאגט, איז זיין קינד. אז מען גיט אוועק פשוטע געלט, וואס עס בלייבט נישט ביי א מענטש אויף שטענדיג, פון דעסטוועגן דאך אז ער גיט אוועק וואס ער האט, הייסט עס אז ער האט אוועקגעגעבן חלבו ממנו, און מען באצאלט דערויף שכר מצוה אויף די וועלט. און עס איז את מקדשו ממנו, מען באקומט פון דעם א קדושה, איז כל שכן ווען א מענטש ברענגט פאר א קרבן זיין קינד, וואס עס איז נישט שייך קיין חלבו מער פון וואס ער גיט אוועק זיין קינד פארן אייבערשטען, איז אוודאי אז עס האט אין זיך די חשיבות פון יעדע חלבו וואס א מענטש איז מקריב פארן אייבערשטען. און אז מען איז מקריב חלבו פארן אייבערשטען, האט עס רוחניות'דיגע ברכות, את מקדשו ממנו, עס איז מקדש דעם מענטש, און עס איז נחשב ללוים כתבואת גורן וכתבואת יקב, מען באצאלט דערויף שכר מצוה בהאי עלמא. - וועגן דעם זאגט מען אין די הרחמן'ס, ותהי משכרתו כפולה, די שכר דערויף איז נישט נאר אויף יענע וועלט, נאר אויך אויף די וועלט.

*

***שבת קודש פרשת קרח***

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** כיבד

את הר"ר **שלמה האפמאנן** הי"ו לשור ניגון. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק רבי אלימלך מליזענסק זי"ע** (מתוך הספר עשר צחצחות). בברכת המזון נתכבד **הגה"צ אב"ד בראשוב שליט"א**.

***וזה תוכן הסיפורים*** *(מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם)*:

**דער** מחבר פון דעם ספר איז געווען א רב אין בוקארעסט פאר די קריג. ער האט שיינע הסכמות, זיי שרייבן אויף אים גרויסע טיטלען, און אז ער איז געווען א מקובל. עס איז פון די ערשטע ספרים וואס מען האט צוזאמגענומען חסידישע מעשיות. און אויף כמעט אלעם שרייבט ער א מקור, אדער פון א ספר, אדער פון וועם ער האט עס געהערט.

**מיין טאטע ז"ל** פלעגט זייער אסאך אריינקוקען אין דעם ספר. ער פלעגט עס צו האבן שטענדיג נעבן זיין בעט, און ביינאכט פארן שלאפן האט ער אין דעם געקוקט. איך האב אים אמאל געפרעגט, אז אזויפיל יארן ליגט עס ביי דיין בעט, און מן הסתם קענסטו עס שוין אויף אויסענווייניג, פון אזוי סאך מאל עס אדורכליינען, פארוואס טוישט דו עס נישט פאר עפעס אנדערש. האט ער מיר געזאגט, אז ווען ער איז געווען א יונגעל, האט אים זיין פאטער געזאגט, איך בעהט דיך, אז פארן שלאפן זאלסטו אריינקוקען אפאר מינוט אין סיפורי צדיקים. און דעמאלטס איז דאס געווען א נייע ספר, מען האט עס גערופן די עשר'ליך, ווייל ער האט ארויסגעגעבן מערערע ספרים מיטן נאמען עשר. פון צען צדיקים האט ער צוזאמגענומען, און ער האט ארויסגעגעבן עשר קדושות, עשר אורות, עשר צחצחות, עשר עטרות. האט ער אים געקויפט דעם ספר, און ער האט עס אים געגעבן אז ער זאל אריינקוקען דערין. האט ער מיר געזאגט, דאס איז די איינציגסטע זאך וואס איז מיר נאך געבליבן איך זאל מקיים זיין כיבוד אב, האט ער שטענדיג אריינגעקוקט אין דעם ספר. אזוי וויט, אז אפילו ווען ער איז געגאנגען אין שפיטאל, האט ער פון די זאכן וואס ער האט זיך צוזאמגעפאקט, האט ער מיטגענומען דעם ספר מיט זיך.

*

זה לשון **הרב הקדוש מורינו הרב יצחק אייזיק מקאמרנא בנתיב מצותיך** (דף יד) פעם אחת הכה אחד על לחי **לרבינו אלימלך**, ואמר: רבונו של עולם, אני מוחל בלב שלם ולב שמח, ולא יענש שום אדם בסיבתי.

**והעיר רבינו:** ווען מען באקומט א פאטש, די ערשטע זאך בייזערט מען זיך קודם, אז מען האט באקומען דעם פאטש, און נאכדעם איז מען אפשר מוחל אויך. אבער דער **רבי ר' אלימלך** תיכף ווען ער האט באקומען דעם פאטש, האט ער געזאגט אז ער איז מוחל, און קיינער זאל נישט נענש ווערן דורך אים.

*

ושמע מורי וחמי הצדיק **רבי אברהם מרדכי מפינטשוב** מפי של **רבינו אלימלך**, שאמר: ינוחו מלחלוק עלי שתי שנים, ואביא משיח וגאולה שלימה.

**והסביר רבינו:** ער איז נישט מסביר, פארוואס ווען מען וואלט זיך נישט געקריגט מיט אים צוויי יאר, וואלט ער געקענט ברענגען די גאולה. און עס איז דא צוויי וועגן ווי אזוי מען קען עס אויסטייטשען. איינס, אז ער וואלט געהאט הרחבת הדעת. אזוי האט ער געהאט חלישת הדעת פון די מחלוקת וואס ער האט געהאט, האט ער נישט געקענט געהעריג זיך אפגעבן און ממשיך זיין אז עס זאל קענען קומען די גאולה. אבער עס איז שווער צו פארשטיין אז דאס איז די ריכטיגע פשט, ווייל דער **רבי ר' אלימלך** איז געשטאנען העכער פון דעם, פון האבן חלישת הדעת פון דעם וואס מען האט אים גע'רודפ'ט. - אדער איז דער פשט דערפון, אז ווען עס וואלט געווען שלום ביי יודען, און מען וואלט זיך נישט געקריגט, וואלט ער געקענט ממשיך זיין די גאולה. שנאת חנם האט געברענגט דעם חורבן פונעם בית המקדש, און ווען עס וואלט געווען צוויי יאר שלום, און מען וואלט זיך נישט געקריגט, די מתנגדים מיט די חסידים, האט ער געפילט אז ער וואלט געקענט ממשיך זיין די גאולה.

*

ואמר, חידוש נפלא הוא לי על התנאים שצפו ברוח קדשם עד סוף כל הדורות, וכתבו כל כך גזירות רעות ויסורים שיהיו קודם ביאת משיח, ולא ראו שאלימלך יהיה בעולם, וכל אלו הרעות והגזירות כבר המתיק אותם וביטל אותם אלימלך. כל זה שמע מורי וחמי זצ"ל מפיו של **הרה"ק רבי אלימלך**.

**והקשה רבינו:** און מען דארף דאס אויך פארשטיין, די תנאים האבן אלעס געזעהן. עס איז נישט געווען א זאך וואס איז געווען פון זיי פארהוילן. און אזוי ווי

זיי האבן געזעהן די חבלי משיח, האבן זיי געקענט זעהן אנדערע זאכען אויך. נאר זיי האבן אראפגעגעבן ווי אזוי עס דארף צו זיין דער סדר פון משיח זאל קומען, אז עס מוז זיין די חבלי משיח. דאס אז מען קען ממתיק זיין די חבלי משיח, איז שוין תלוי אין די בחירה, אז עס וועט אויפשטיין א צדיק אזוי דער **רבי ר' אלימלך**, צו אנדערע צדיקים, האבן זיי א כח ממתיק צו זיין. זיי האבן נאר גערעדט די סדר ווי אזוי די גאולה דארף צו זיין, אז עס מוז זיין די חבלי משיח, און נאכדעם קען קומען די גאולה. אייביג קען זיין א צדיק וואס זאל ממתיק זיין, און מבטל זיין די גזירות. און דער **רבי ר' אלימלך** האט אויף דעם געזאגט, אז ער האט מבטל געווען די חבלי משיח.

**צדיקים** האבען אויף דעם צוגעגעבן, מיר זענען דאך אדורכגעגאנגען די חבלי משיח, עס איז געווען אזא קריג וואס מען האט גע'הרג'ט זעקס מיליאן יודען. קיין שום אומה ולשון איז נישט אדורכגעגאנגען, דאס וואס כלל ישראל איז אדורכגעגאנגען, אפילו נאר אין אונזערע יארן וואס מיר זענען אדורכגעגאנגען חבלי משיח אין גלות. איז א סימן, אז דאס אלעס איז נאכנישט די חבלי משיח וואס חז"ל האבן געזאגט. אז עס וואלט געדארפט זיין נאך ביטערער פון וואס עס איז געווען, און דאס האט דער **רבי ר' אלימלך** ממתיק געווען אז עס זאל נישט קומען[א].

[א] ובסעודת מלוה מלכה מוצש"ק פרשת בלק תשע"ז לפ"ק הוסיף **רבינו שליט"א** וזה לשונו: איך האב געהערט פון **מיין טאטע ז"ל**, אז דער **שאמלויא'ער רב** האט געזאגט, אז דער **קול אריה** פלעגט אויך נאכצוזאגן דעם ווארט, און עס איז געווען ביי אים אזוי ווי א תוספתא מפורשת. עס איז געווען ביי אים אזוי קלאר די ווערטער וואס דער **רבי ר' אלימלך** האט געזאגט, אז עס וועט נישט זיין קיין חבלי משיח, אזוי ווי עס וואלט געווען געדרוקט אין א תוספתא.

דאס ווארט איז מיר אלץ געווען א פלא. ווי אזוי קען מען זאגן, אז די חכמים האבן נישט געזעהן א זאך וואס עס וועט זיין אין די שפעטערדיגע דורות? די חכמים האבן אלעס געזעהן! עס איז נישט געווען א זאך וואס די חכמים האבן נישט געוואוסט. ווי אזוי קען מען זאגן אז זיי האבן נישט געזען אז דער **רבי ר' אלימלך** וועט זיין שפעטער, און ער וועט מבטל זיין די גזירות. אבער איך האב יעצט געזען, אז **רבי אייזיק'ל קאמארנער זצ"ל** שרייבט אזא לשון (בספרו **נתיב מצותיך**, נתיב אמונה, שביל ד', סימן ה').

איך האב געזעהן שטיין, אז דער **בעלזער רב זי"ע**, פון ירושלים, ווען מען פלעגט צו רעדן פון די מלחמה, און די צרות וואס יודען זענען אדורכגעגאנגען, אז מען האט גע'הרג'ט אזויפיל יודען, און מען האט זיך אנגערופן, אז עס איז געווען חבלי משיח, האט דער **בעלזער רב זי"ע** זיך אנגערופן, מען קען נישט אנרופן אז דאס איז געווען חבלי משיח, ווייל חבלי משיח האט דער **רבי ר' אלימלך** מבטל געווען. - וואס עס איז יא געווען, האט ער נישט מסביר געווען. אבער על כל פנים ער האט אויך געהאלטן אז דער הייליגער **רבי ר' אלימלך** האט מבטל געווען די חבלי משיח, אז עס וועט נישט זיין קיין חבלי משיח.

איך האב געזען צוברענגען פונעם **סאטמארער רב זי"ע**, אז אין **דברי יואל** (מועדים, מאמר קנ"ח) באריךט ער אויך דאס, אז דער **רבי ר' אלימלך** האט געזאגט, אז עס וועט נישט זיין קיין חבלי משיח. און ער וויל פארענטפערן, ווי אזוי עס זענען געווען די אלע צרות וואס יודען זענען אדורכגעגאנגען ביי די קריג. און ער זאגט דערויף צוויי הסברים, איינס, אז עס קען זיין אז דער **רבי ר' אלימלך** האט מבטל געווען חבלי משיח בימיו, אבער עס איז שפעטער געווארן א קיטרוג, און עס איז צוריק נתעורר געווארן. און דאס איז וואס מען איז אדורכגעגאנגען.

צווייטענס האט ער געזאגט, אז דער **חתם סופר** שרייבט אין **ספר הזכרון**, אז דער טעם פארוואס דער אייבערשטער טוט מודיע זיין פאר די צדיקים די צרות וואס גייען קומען, וויל ער דען אז זיי זאלן זיך מצער זיין? נאר ער וויל אז זיי זאלן מתפלל זיין אויף די צרות, אז עס זאל אוועקגענומען ווערן, צו עס זאל גרינגער ווערן. וועגן דעם טוט דער אייבערשטער מודיע זיין פאר די צדיקים די צרות וואס גייען קומען. זאגט דער **חתם סופר**, אבער די צרות וואס דער אייבערשטער וויל נישט אז עס זאל נתבטל ווערן, דאס איז מען נישט מודיע פאר די צדיקים, ווייל זיי קענען עס ממילא נישט מבטל זיין, ווייל דער אייבערשטער וויל נישט אז מען זאל עס מבטל זיין, די צרות איז מען נישט מודיע פאר זיי, ממילא זענען זיי נישט מתפלל אויף דעם. האט דער **סאטמארער רב ז"ל** געזאגט, אז חבלי משיח וואס שטייט אין חז"ל, דאס האט מען זיי מודיע געווען, און וואס מען האט זיי מודיע געווען, דאס האט דער **רבי ר' אלימלך** געקענט מבטל זיין, אבער עס איז געווען אזעלכע צרות וואס מען האט זיי נישט מודיע געווען, און דאס האט מען נישט געקענט מבטל זיין.

איך האב געטראכט, אז עס קען זיין, אז דער פשט דערפון איז. זאת התורה לא תהא מוחלפת, די תורה ווערט נישט געטוישט. אין די תורה איז דא א פרשה פון תוכחה, אז טאמער מען וועט זיך נישט פירן ווי עס דארף צו זיין, איז אויסגערעכנט אלעס וואס וועט קומען. עס איז נישט דא קיין גרעסערע ראיה אויף אמיתיות התורה, ווי די תוכחה, וואס קיין שום אומה ולשון איז נישט אדורכגעגאנגען וואס עס שטייט אין די תוכחה, און עס איז מקויים געווארן די עונשים

עוד כתב **הרה"ק מקאמארנא** הנזכר בספר **דרך אמונה**, בזה הלשון: וספר הקדוש **נועם אלימלך** אור צח צחצחות עמוק עמוק עד למאוד, הלואי שתזכו להבין דבר אחד מדבריו.

**והעיר רבינו**: עס איז נישט דער פשט אז עס איז שווער צו פארשטיין דעם ספר **נועם אלימלך**, עס איז נישט אזא שווער ספר. ווען מען קוקט אריין דערין, פארשטייט מען אסאך זאכען וואס ער שרייבט. נאר אזוי ווי יעדע זאך אין תורה, וואס איז דא רמז פשט דרוש און סוד. מען קען לערנען ספר בראשית, און מען לייגט עס ווי א מעשה ביכל, אברהם יצחק מיט יעקב, און על פי סוד ליגען גרויסע ענינים אין די גאנצע פרשה. ער האט געמיינט צו זאגען, אז די תורות וואס דער **רבי ר' אלימלך** האט געשריבען, עס איז טאקע דא תורות וואס איז אין פשטות, אבער עס ליגט אינווייניג, אזוי ווי יעדע זאך פון תורה, ליגט דערין אויך רמז דרוש און סוד, און אויף דעם שרייבט ער, אז עס איז עמוק עמוק וואס דער **רבי ר' אלימלך** שרייבט.

*

סיפר **הרה"ק רבי יחזקאל מקאזמיר זי"ע**, כי **הרה"ק רבי אלימלך** בעת שאמר בשבת קודשות כתר, לקח הזייגעריל והביט עליו, ואמר שלכן הביט עליו, משום שהיה מרגיש מתיקות גדול בשעת קדושת כתר, והיה ירא שלא יהיה לו כלות הנפש מגודל מתיקות. לכן הוכרח להביט על חפץ של עולם הזה, כדי שעל ידי זה יוכל להחזיק את הנפש בתוך הגוף.

**והוסיף רבינו**: ער זאגט אז ער האט עס געטון ביי קדושת כתר. עס שטייט פונעם **אר"י הק'**, אז א רבי מיט תלמידים, באקומט דער רבי אלע זיינע הארות, ווען ער זאגט כתר. סיי ראש חודש, און סיי שבת און יום טוב באקומט דער רבי דעמאלטס זיינע אורות, און די תלמידים וואס זענען צוזאמען מיט אים, דעמאלטס ווען ער זאגט כתר, גייט אריבער אויף זיי פון די אור וואס דער רבי באקומט. וועגן דעם שטייט אין די גמרא (ראש השנה טז:) אז א מענטש איז מחויב מקבל צו זיין פני רבו ברגל. די גמרא (שם טז.) זאגט ביי די שונמית, אז ער האט געפרעגט פארוואס זי גייט, לא חודש היום ולא שבת היום (מלכים ב ד-כג), מכלל דבשבת וחודש צריך למיזל, ווייל שבת און ראש חודש איז דא קדושת כתר, און ביי קדושת כתר קומען אראפ די הארות אויפן רבי'ן. און דער **רבי ר' אלימלך** האט אויך באקומען גרויסע הארות בשעת ער האט געזאגט כתר, וועגן דעם האט ער געדארפט האבען א זייגערל, וואס ער זאל קוקען דערויף, כדי עס זאל אים צוריקהאלטן אז ער זאל נישט האבן קיין יציאת הנפש.

*

כתוב בספר **דברי ישראל** (ח"א דף לב:) אמר **הרה"ק רבי יחזקאל מקאזמיר זצ"ל**, בשם **הרבי ר' אלימלך זצ"ל**, שהאדם יכול לפרנס את עצמו אפילו אם לא יהיה לו למכור רק קסמין, היינו עצים דקים, רק שהסחורה לא יהיה נמאסת בעיניו. דכשהסחורה נמאסת, זהו סימן ללא טוהר עכ"ל.

**והוסיף רבינו**: עס איז דא א **ייטב לב** (בפרשת בהר) אויפן פסוק (ויקרא כה-יד) וכי תמכרו ממכר לעמיתך או קנה מיד עמיתך אל תונו איש את אחיו, אויב מען קויפט עפעס פון א יוד טאר מען נישט אפנארן יענעם. האט דארט דער **ייטב לב** א לאנגע אריכות, אז מען זעהט אז פאר יעדן מענטש ציהט עפעס אנדערש. פאר איינעם ציהט די סארט פרנסה, פאר איינעם ציהט א צווייטע סארט פרנסה. פאר איינעם ציהט דעם הויז צו קויפן, און דער אנדערער וויל עס

וואס עס שטייט אויף דעם וואס יודען וועלן נישט האלטן די תורה. עס איז דא עונשים וואס קומען אויב מען גייט אוועק פון דרכי התורה, דאס איז די פסוקי התוכחה. אבער חבלי משיח איז א צווייטע זאך. כדי משיח זאל קומען, איז דא געוויסע צרות וואס מען דארף אדורכגיין, וואס דאס האט נישט צוטון מיט א חטא. אזוי ווי עס איז דא חבלי לידה, איז דא חבלי משיח. דאס וואס דער **רבי ר' אלימלך** האט מבטל געווען חבלי משיח, האט ער נאר מבטל געווען די צרות וואס דארפן קומען אלץ א הכנה צו ביאת המשיח, דאס האט ער מבטל געווען. אבער טאמער מען פירט זיך נישט אויף על פי דרכי התורה, וואס עס איז דא די עונשים וואס עס שטייט אין פסוק, דאס ווערט נישט נתבטל. דאס איז בפירוש'ע פסוקים אין די תורה, און די תורה ווערט נישט נתבטל. די צרות וואס יודען זענען אדורכגעגאנגען איז, ווייל מען איז אוועקגעגאנגען פון דרכי התורה. די לעצטערע דורות זענען א גרויס חלק פון כלל ישראל אוועק פון דרכי התורה, און עס איז געבליבן נאר א קליינע מספר פון יודען וואס זענען געווען שומרי תורה ומצות, און דאס איז נישט נתבטל געווארן. נאר חבלי משיח וואס דארף זיין כדי משיח זאל קענען קומען, דאס איז נתבטל געווארן.

אפילו נישט אנקוקן, ער וויל א צווייטע הויז. איינער וויל די געגענט, איינער וויל א צווייטע געגענט. די אלע זאכען זענען תלוי, ווייל אין יעדע זאך אויף די וועלט, איז דא ניצוצי קדושה. און יעדע מענטש האט זיין נשמה ניצוצי קדושה וואס איז צוווארפען אין די וועלט. און צו דעם וואס זיין נשמה האט א שייכות דערצו, צו דעם האט ער א נאנטקייט. אויב זיינע ניצוצות געפונען זיך אין דעם בית, האט ער א חשק צו דעם בית. און טאמער זיינע ניצוצי נשמה זענען אין די און די זאך, האט ער א חשק עס צו קויפן. א אנדערער וואס האט נישט קיין שייכות דערמיט, קויפט עס נישט. און דער **ייטב לב** איז מסביר דארט זייער אסאך ענינים. און ער זאגט דארט, אז עס וואלט אויסגעקומען אז ווען א מענטש וויל קויפן א זאך ביי יענעם, איז דער טייטש, ווייל דו האסט א שייכות צו די זאך, ווייל דיינע ניצוצי נשמה זענען דארט, און דו דארפסט עס האבן פאר דיין תיקון, איז אפילו יענער האט מיר אויסגענארט און ער האט געבעטן מער געלט דערפאר, איז דאך עס ווערט פאר דיר, אז דו זאלסט האבן דיינע ניצוצות פון דיין נשמה, כדי דו זאלסט עס קענען מעלה זיין. קומט אויס, אז פאר דיר איז די סחורה מער ווערט ווי די געהעריגע פרייז איז פאר די גאנצע וועלט. וואלט איך געקענט זאגען אז עס זאל נישט זיין קיין אונאה, בשעת מען פארקויפט עס. זאגט דער פסוק אפילו כי תמכרו ממכר לעמיתך, אפילו דו פארקויפסט א זאך פאר דיין חבר, וואס עס איז דאך נאר וועגן דעם ווייל עס האט צו אים א קשר, אל תונו איש את אחיו, איז דא דערביי א איסור פון אונאה. - דאס איז אזוי ווי ער ברענגט צו פונעם הייליגען **רבי ר' אלימלך**, אז ער האט געזאגט, אז א פרנסה וואס א מענטש האט א חשק דערצו, איז א סימן אז דאס האט א שייכות צו אים. טאמער האט ער נישט קיין חשק דערצו, דעמאלטס איז א סימן לא טוהר, נישט א ריינע סימן.

*

כתב לי ידיד נפשי הרה"ג שלשלת היוחסין **מורינו הרב אברהם איטינגא שליט"א** מדוקלא: שמעתי מפי איש אחד, ששמע מפי הגאון מוה"ר **שלום מרדכי שליט"א** אב"ד ק"ק ברעזאן, כי **הרבי ר' אלימלך** אמר, שעל ידי הדוחק אשר דוחקין את עצמן אצל הצדיק, נפטרין בזה מן הדחקות של עניות.

**והוסיף רבינו**: דאס האט אויך א מקור אין די גמרא, ווייל די גמרא (סנהדרין צט:) זאגט, כולי גופי דרופתקי, יעדער איינער איז אראפגעקומען אויף די וועלט זיך צו פלאגען, וואויל איז דעם מענטש וואס נוצט אויס זיך צו פלאגען אויף תורה. יעדער מענטש דארף זיך פלאגען, ער קען עס אבער אויסקלויבן ווי אזוי ער וויל. אדער פלאגט ער זיך אויף תורה, דעמאלטס דארף ער זיך נישט פלאגען מיט עפעס אנדערש. אויב ער וויל זיך גרינגער מאכען, ער וויל זיך נישט פלאגען אויף תורה, האסטו זיך גארנישט גרינגער געמאכט, עס איז אנגעשריבען וויפיל דו דארפסט זיך פלאגען, און דו וועסט עס באקומען אויף א אנדערען וועג. דער חבר וועט דיך טשעפענען, פרנסה וועט דיר פעלן, און אנדערע זאכען וועלן דיר פעלן. מען קען זיך נישט ארויסדרייען פון א צער וואס איז אנגעשריבען. ממילא האט ער געזאגט, אז אויב עס איז אנגעשריבען פאר איינעם דוחק, מוז עס נישט זיין דווקא אין עניות, ער קען עס אויסנוצן פאר א דבר שבקדושה, און דורך דעם ווערט ער געפטר'ט פון א גשמיות'דיגען דוחק וואס ער דארף צו האבן.

*

כתוב בספר **דברי יחזקאל** (פ' מסעי) וזה לשונו: שמעתי **שהרה"ק רבי אלימלך זי"ע** אמר, מי שמכיר את הצדיק **הרה"ק רבי פנחס מקאריץ זי"ע** הוא מסוגל ליראת שמים. וכאשר שמע זאת בנו **הרה"ק רבי אלעזר**, נסע **להרה"ק רבי פנחס מקאריץ**. ואמר **הרה"ק רבי אלעזר** בעת שישב על השלחן של **הרה"ק רבי פנחס** בזה הלשון: טאטע! אמר **הרה"ק רבי פנחס**, ודלמא לאו אביו הוא. ולא השיב כלום. וכשנסע **הרה"ק רבי אלעזר** לביתו, וסיפר לאביו **הרה"ק רבי אלימלך** את הנזכר, אמר לו אביו, היה לך להשיב לו, הלא כתיב (דברים לב-ז) שאל אביך, מען לייהט זיך א טאטע! ודפח"ח.

**דער** פשט דערפון איז, אפילו א מענטש איז נישט אין די מדריגה אז ער קען אנרופן דעם אייבערשטען אז ער איז זיין טאטע, אבער מתוך שלא לשמה בא לשמה. אזוי שטייט אין די גמרא (פסחים נ:) אז א יוד דארף עוסק זיין שטענדיג אין תורה און מצות, אפילו ער איז נישט דערביי, **ער דארף אזוי לאנג זאגען טאטע, ביז ער וועט ווערן זיין טאטע**. שאל אביך, מען קען זיך לייען א טאטע. און אז מען לייעט זיך א טאטע, צום סוף קען ווערן אביו הוא, קען עס ווערן זיין טאטע.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**

# פרשת חוקת ד' - י' תמוז תשע"ט לפ"ק

***יום ראשון פרשת חוקת***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **מנחם צבי מענדלאוויטש** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***שבת קודש פרשת חוקת***

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** כיבד את הר"ר **שמואל דוד פישער** הי"ו לשור ניגון. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק רבי אלימלך מליזענסק זי"ע** (מתוך הספר עשר צחצחות). בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי ישכר דוב כ"ץ שליט"א** (בן כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א).

***וזה תוכן הסיפורים** (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):*

**אמר הרה"ק רבי אלימלך מליזענסק זי"ע:** אם יפסקו עליו בבית דין של מעלה עונש גיהנם ח"ו, אזי בכל כוחו וחשק גדול יקפוץ לשם, לקיים רצון ה'.

**והסביר רבינו:** א יוד איז מחוייב אויף מסירת נפש אויף דריי עבירות. ווען מען זאגט אים, אדער טו די עבירה, אז נישט ווארפט מען דיך אריין אין פייער, איז ער מחוייב זיך אריינצווווארפען אין פייער, מיט א מסירת נפש. און ווען עס קומט אים אונטער אזא נסיון, און ער דארף אריינגיין אין פייער, און זיך לאזן פארברענען, דארף ער עס טון מיטן גאנצן הארץ, און מיט א געוואלדיגע שמחה. אויב דאס איז דער רצון פונעם אייבערשטען, איז ער גרייט וועקצוגעבן זיין לעבן, און ער ווארפט זיך אריין אין פייער. נו, וואס איז דער חילוק צו מען ווארפט זיך אריין אין פייער אויף די וועלט, מיט א מסירת נפש, ווייל דער אייבערשטער האט געהייסען. צו מען דארף זיך אריינווארפען אין פייער, אין גיהנם, ווייל דער אייבערשטער האט געהייסען. האט ער געזאגט, אז טאמער דער אייבערשטער וועט פסק'נען אז עס קומט אים גיהנם, אויב דאס איז דער רצון ה', וועט ער אריינשפרינגען אין פייער בשמחה.

**עס** איז באקאנט וואס דער הייליגער **רבי ר' אלימלך** שרייבט, אז א יוד דארף שטענדיג לעבן מיט די מסירת נפש. זיך פארשטעלן ווי עס ברענט א פייער ביז צום הימל, און ער ווארפט זיך אריין פארן אייבערשטען, ווייל דער אייבערשטער האט געהייסען ער זאל האבן מסירת נפש. דאס איז די כוונה וואס מען דארף מכוון זיין ביי קריאת שמע, און ביי שמונה עשרה. וואו עס שטייט אז מען דארף האבן מסירת נפש, גיט ער דעם משל.

**איך** האב אמאל נאכגעזאגט (בסעודה שלישית פרשת משפטים תשע"ו בעיר פרעשבורג) פונעם **צעהלימער רב זצ"ל**, ער האט זיך געשטעלט, פארוואס דארף דער **רבי ר' אלימלך** זאגען, אז עס ברענט א פייער פון די ערד ביז צום הימל? מען ווערט אויך פארברענט פון א קליינע פייער. מען דארף נישט האבן א פייער ביז צום הימל, כדי זיך צו פארברענען פארן אייבערשטען. אז ער וויל געבן א משל אז מען פארברענט זיך פארן באשעפער, וואלט ער געדארפט זאגען, אז עס ברענט א פייער, און ער ווארפט זיך אריין דערין. אפילו פון א קליינע פייער ווערט א מענטש אויך פארברענט.

**האט** דער צעהלימער רב געזאגט, אז ער האט געזאגט אין חלום, אז עס איז א גרויסע חילוק. אז עס ברענט א קליינע פייער קען א מענטש צוגיין נאנט, ביז צום פייער ממש, און ער שפירט נאכנישט די היץ. נאכדעם גיט ער א שפרינג אריין, און אין איין מינוט האט ער אוועקגעגעבן זיין נפש פארן אייבערשטען. ער ליידט נישט קיין יסורים, און ער ווערט תיכף פארברענט. אבער ווען עס ברענט א גרויס פייער, ביז מען גייט צו, און מען קומט אן נאנט צום פייער, ווערט מען גוט אפגעבריהט דעם גאנצן וועג ביז מען דארף אריינגיין אינעם פייער. א יוד דארף האבן אזא מסירת נפש פארן אייבערשטען, אז נישט נאר אויף א רגע זיך אריינוווארפען אין פייער, נאר אפילו עס ברענט א פייער פון די ערד עד לב השמים, וואס אפילו צוויי גאסן ווייטער שפירט מען די היץ דערפון, פון דעסטוועגן דאך דארף מען מקבל זיין אויף זיך עול מלכות שמים, און אריינגיין אינעם פייער אליין. - על כל פנים, די פייער פונעם גיהנם איז דאך זיכער אזוי גרויס ווי א פייער פון די

ערד ביז צום הימל, און מען דארף גיין מיט א שמחה, אפילו די גאנצע וועג ביז מען קומט אינעם גיהנם. אז דער אייבערשטער האט אזוי געזאגט, וועט ער עס טון מיט א שמחה.

*

אחד ביקש **מרבינו אלימלך** לעזור לו שיהיה לו זכרון טוב. והשיב לו: עשה תשובה, וגדולה תשובה שמגעת עד כסא הכבוד (יומא פו.) ויהיה מקוים בך 'ואין שכחה לפני כסא כבודך' ודפח"ח.

**והסביר רבינו:** עס קוקט אויס ווי א ווערטל, אבער דער פשט איז כפשוטו אויך. ווייל פארוואס פארגעסט מען תורה? **אלע נארישקייטן געדענקט ער, און אלע שטותים וואס ער האט געזעהן מיט יארן צוריק געדענקט ער, נאר ווען עס קומט צו תורה, פארגעסט ער וואס ער האט געלערנט?!** די תירוץ דערויף איז, ווייל תורה איז א קדושה, און תורה קלעפט זיך נישט אן נאר אין א גוף וואס איז הייליג. אז דער גוף איז הייליג, זאפט זיך איין דערין תורה. די משנה (אבות ד-כה) זאגט, אז ווען א מענטש לערנט תורה, איז א חילוק צו ער לערנט תורה אין די יוגענט צו אויף די עלטער, אזוי ווי עס איז א חילוק אויף וואס פאר א פאפיר עס ווערט געשריבן. ווערט עס געשריבן אויף א נייעם פאפיר, קלעפט זיך אן די ווערטער. טאמער עס איז נייר מחוק, קלעפט זיך נישט אן אזוי שטארק די ווערטער דערין. עס איז דא אמאל וואס א מענטש שרייבט א זאך אויף א פאפיר, און אז די פאפיר איז גוט, און אז די טינט איז גוט, האלט זיך עס א לענגערע צייט. אמאל איז דא, וואס עס איז א שוואכע פאפיר, און ווען מען שרייבט דערויף, ווערט עס תיכף אפגעמעקט. ביז אפאר טאג דערקענט זיך נישט וואס מען האט געשריבען. אז דער גוף איז נישט הייליג, און עס קומט ארויף דערויף די תורה, איז אזוי ווי דיו וואס מען שרייבט אויף אזא פאפיר וואס מעקט זיך שנעל אפ, פארגעסט מען וואס מען האט געלערנט.

**האט** דער **רבי ר' אלימלך** געזאגט, אויב דו וועסט תשובה טון, און גדולה תשובה שמגעת עד כסא הכבוד. אז דו וועסט תשובה טון, וועט דיין פאפיר זיין גוטע פאפיר, דער גוף וועט זיין א הייליגע גוף, וועט זיך אנכאפען די תורה וואס דו לערנסט, און דו וועסט עס נישט פארגעסן.

בספר **דברי יצחק**, שמעתי בשם **הרבי ר' אלימלך**, סגולה לנשים שלא יתקשו בלידתן, שיאכלו בכל מוצאי שבת קודש איזה מאכל לשם סעודת מלוה דמלכה, ואף גם יאמרו בפה מלא לשם סעודת מלוה מלכה! ועל ידי זה ילדו בנקל בעזרת השי"ת.

**והוסיף רבינו:** עס איז היינט די יארצייט פון **רבי הערש'לע זידיטשובער זי"ע**, מען ברענגט צו אז **רבי הערש'לע זידיטשובער** האט געטייטשט, כי גר אנכי עמך, תושב ככל אבותי (תהלים לט-יג). האט ער געזאגט, אז די דריי סעודות פון שבת זענען אקעגן אברהם יצחק און יעקב. די דריי אבות זענען דריי פוס פון די מרכבה, און די פערטע פוס פון די מרכבה, איז דוד המלך. און פאר דוד המלך האט געאהרט, אז קעגן די דריי פוס פון די מרכבה, אברהם יצחק און יעקב, איז דא דריי סעודות שבת, און קעגן אים וואס ער איז דער רגל רביעי שבמרכבה, איז נישט דא קיין סעודה. האט מען געגעבן פאר דוד המלך סעודת מלוה מלכה, וואס איז סעודתא דדוד מלכא משיחא. מוצאי שבת, ווען יודען עסן מלוה מלכה, דאס איז אקעגן זיין רגל.

**די** צווי ווערטער 'כי גר', איז בגימטריא צוויי הונדערט דריי און דרייסיג, אזוי ווי די מספר פון רג"ל. האט ער געזאגט, 'כי גר אנכי עמך', איז בין אויך א רגל אין די מרכבה פונעם אייבערשטען, האט ער מתפלל געווען, 'תושב ככל אבותי', ביי מיר זאל מען אויך זיצען צוזאמען, אזוי ווי מען זיצט ביי כל אבותי, ביי די דריי סעודות שבת וואס איז אקעגן אברהם יצחק ויעקב, זאל ער אויך זוכה זיין, אז ביי אים זאל אויך זיין א סעודה וואס איז אקעגן זיין רגל, ער זאל אויך האבן א סעודה, דאס איז די סעודה פון מלוה מלכה.

**איך** האב שוין אמאל נאכגעזאגט (בסעודת מלוה מלכה מוצש"ק פרשת פנחס תשע"ז לפ"ק), אז איך האב געזעהן א טעם (הובא **בליקוטי מהרי"ח** בשם **סידור רבי שבתי**) פארוואס מען רופט עס, סעודתא דדוד מלכה משיחא. ווייל די גמרא (שבת ל.) זאגט, אז דוד המלך האט געבעטן פונעם אייבערשטען (תהלים לט-ה) הודיעני ה' קצי, דער באשעפער זאל אים זאגען, ווילאנג ער וועט לעבן אויף די וועלט, ווען ער גייט שטארבען. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, גזירה היא מלפני, אין מודיעין קצו של אדם, דאס קען מען נישט מגלה זיין. האט ער געפרעגט, אז ער

וויל וויסן אין וועלכע טאג פון די וואך ער וועט שטארבען. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, אז ער וועט שטארבען שבת. און יעדע שבת האט דוד המלך נישט מפסיק געווען פון לימוד התורה. פון ווען שבת איז אריינגעקומען, ביז מוצאי שבת, איז ער געזעסן און געלערנט. ווייל בשעת מען לערנט, קען דער מלאך המות נישט האבען קיין שליטה. דעם שבת וואס ער האט געדארפט נסתלק ווערן, האט דער מלאך המות געמאכט א גערודער אינדרויסן, און ער האט מפסיק געווען אויף א מינוט פון לערנען, און אזוי איז ער נסתלק געווארן.

**קומט** אויס אז דוד המלך האט געוואוסט אז ער גייט שטארבען שבת, יעדען מוצאי שבת האט דוד המלך געמאכט א סעודה, אז עס איז נישט געווען דעם שבת. איז די סעודה פון מוצאי שבת, סעודתא דדוד מלכא משיחא, ווייל דוד המלך האט יעדע מוצאי שבת געמאכט א סעודה, אז דער שבת איז אדורכגעגאנגען, און ער איז נישט געשטארבען.

*

**באוצר החיים** (להרה"ק מקאמארנא זי"ע, פ' שמיני) כתוב, כי אצל **הרה"ק רבי אלימלך** היה אסור לשתות שום משקה בימים אחרונים של סוכות, עד אחד גמר הקפות, שלא יתערב זר בשמחה של קדושה עכ"ל.

**וביאר רבינו:** ביי חסידים בדרך כלל האט מען זיך געפירט אנדערש. אמאליגע חסידים ואנשי מעשה פלעגן זיצן און פארברענגען אין חסידות, און מען פלעגט צו טרינקען משקה. אין חב"ד, אמאליגע צייטן, איז אזוי געווען איינגעפירט, אז זיי פלעגן צו טרינקען משקה ביי א פארברענגען צווישן זיך אליין אויך, אן דעם רבי'ן. ווען מען האט געלערנט חסידות, און מען האט געזינגען, האט מען געטרינקען משקה. און מען האט מסביר געווען, אז דער גוף האלט דאך נישט ביי עבודת ה', עס איז נאר די נשמה וואס בענקט זיך צו דינען דעם אייבערשטען. און דער גוף איז א מונע, עס שטערט. ער איז דאך א חומר, ער האט נישט קיין געפיל צו ענייני עולם הבא. איז כדי אז דער גוף זאל נישט שטערן, טרינקט מען אן דעם גוף, און מען גיט אים וואס ער דארף צו האבן, איז דער גוף ווערט אויפגעלעבט ווייל ער פריידט זיך מיט די בראנפען וואס ער האט געטרינקען, לאזט ער מנוחה דעם נפש, אז דער נפש זאל זיך קענען פרייען אין עבודת ה'. - דאס איז טייטש, אז דאס וואס מען האט געטרינקען, איז נישט אז עס זאל ברענגען שמחה, און די שמחה זאל אים צוברענגען צו די שמחה אין עבודת ה', נאר די טרינקען איז געווען צו געבן פארן גוף זיין שמחה, ער זאל נישט שטערן נאכדעם די נשמה פון האבן א אייגענע שמחה. דער **רבי ר' אלימלך** האט אין די טעג פון שמיני עצרת און שמחת תורה נישט געלאזט די חסידים טרינקען, כדי די שמחה של מצוה זאל זיין נאר הויל קדושה.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**